**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/25/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט ניו יארק סטעיט מערקפונקטן צו ווערן אויפגעלאכטן אין גאלד אין אנערקענונג פון גאלד-סטאר מוטער׳ס און פאמיליע׳ס טאג**

***דאס באלייכטן וועט פארעהרן די פאמיליעס פון אמעריקאנע מיליטערישע דינסט מיטגלידער וועלכע האבן זיך מקריב געווען דאס לעבן ביים אויספירן זייערע פליכטן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז 14 מערקפונקטן לענגאויס ניו יארק וועלן אויפגעלאכטן געווארן מיט גאלדענע לעמפלעך אום זונטאג, סעפטעמבער 25, אין פאראכטונג פון גאלד-סטאר מוטער׳ס און פאמיליע׳ס טאג.

״אום גאלד-סטאר מוטער׳ס און פאמיליע׳ס טאג טוען מיר, אלס פאלק, זיך דערמאנען אז די פרייהייטן פון וועלכע מיר געניסן יעדן טאג קומט נישט אן מסירות נפש,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״ניו יארק סטעיט וועט קיינמאל נישט פארגעסן די מסירות נפש פון אונזערע העלדן און פאטריאטן וועלכע זענען אומגעקומען ביים אויספירן זייערע פליכטן, און מיר וועלן ווייטער פארזארגן די העכסטע מאס שטיצע און סערוויסעס פאר אונזערע גאלד-סטאר מוטערן און פאמיליעס.״

יעדעס יאר, דעם לעצטן זונטאג אין סעפטעמבער, צייכנט מען אפ איבער׳ן לאנד גאלד-סטאר מוטער׳ס און פאמיליע׳ס טאג. ׳גאָלד-סטאַר׳ פאמיליעס זענען די וועלכע האבן פארלוירן א פאמיליע מיטגליד וואס האט געדינט אין א צייט פון קאנפליקט. דער טערמין ׳גאָלד-סטאַר׳ איז געניצט געווארן אין לויף פון דער ערשטער וועלט קריג און האט זיך פאררופן אויף דער גאלדענער שטערן וואס איז ארויפגעשטעלט געווארן איבער דער בלויער שטערן אויפ׳ן מיליטער דינסט פאן פון די פאראייניגטע שטאטן.

סטעיט קאפיטאלן איבער׳ן גאנצן לאנד אנערקענען גאלד-סטאר מוטערס און פאמיליעס אין דעם דאזיגן אנדענק טאג דורך אויפלייכטן לאמפן אדער געביידעס אין גאלד אויף צו פארעהרן וואס די פאמיליעס האבן מקריב געווען.

ניו יארק סטעיט האט עטליכע פראגראמען פאר גאלד-סטאר עלטערן זיכער צו מאכן אז אנגייענדע סערוויסעס און הילף ווערן צוגעשטעלט פאר די וועלכע האבן אזויפיל פון זיך אוועקגעגעבן. עטליכע פון די רעכענען אריין דעם גאלד-סטאר עלטערן יארגעלט פראגראם, און ניו יארק׳ס מיליטערישע פארשטערקערטע אנערקענונג אינצענטיוו און פאראכטונג — אדער MERIT — סקאלערשיפ פאר פאמיליעס פון מיליטערישע דינסט מיטגלידער וועלכע זענען אומגעקומען בשעת׳ן דינען דעם לאנד. אין צוגאב, טוט דער סטעיט ווייטער צוזאמארבעטן מיט גאלד-סטאר ארגאניזאציעס דורכאויס דעם סטעיט, ווי אויך ארטיגע קאונטי וועטעראן סערוויס ארגאניזאציעס צו העכערן באוואוסטזיניגקייט איבער פראגראמען ארויסצוהעלפן גאלד-סטאר פאמיליעס.

לענדמארקס אויפגעלאכטן צו ווערן רעכענען אריין:

- וואן וואורלד טרעיד צענטער
- גאווערנער מעריאו עם. קאומאו בריק
- קאסציאושקא בריק
- די העיטש. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט בילדונג געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארײנגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא פאָלס
- דער ׳פראנקלין די. רוזוועלט׳ מיטל-הודסאן בריק
- אלבאני אינטערנאציאנאלע עירפארט ארײנגאנג
- דער לעיק פלעסיד אָלימפיק דזשאָמפינג קאָמפלעקס
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- ׳פעירפארט ליפט׳ ברידזש איבער דעם ערי קאנאל

**וויוויאנא דעקאהען, דירעקטאר פון דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון וועטעראנען סערוויסעס, האט געזאגט,** ״גאלד-סטאר מוטערס און פאמיליעס פארשטייען וואס דאס מיינט שטעלן דינסט בעפאר זיך אליין, און זיי לעבן די איינזעעניש יעדן טאג אין זייערע אנגייענדע ארבעט צו פארעהרן דעם אנדענק פון זייערע נאענטע וועלכע האבן זיך ענדגילטיג מקריב געווען פאר אונזער סטעיט און לאנד. עס איז אונזער הייליגער פליכט און כבוד צו זיכער מאכן אז זיי באקומען די העכסטע קוואליטעט שטיצע און אויפפאסונג, וואס מיר שטרעבן יעדן טאג זיי ווייטער צוצושטעלן.״

**שטיצע פאר ׳גאָלד-סטאַר׳ פאמיליעס**

אויף ארויסצוהעלפן מענטשן מיט'ן באקומען די ׳גאָלד-סטאַר׳ עלטערן יארגעלט און דעם MERIT סקאָלערשיפ, ביטע מאכט אן אפוינטמענט מיט א וועטעראנען בענעפיט ראטגעבער אין דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון וועטעראן סערוויסעס אויף 888-838-7697 אדער אויף זייער וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418